Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

הייגט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 256 | Łódź, Piątek, 4 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ה' מרחשון תרצ"ג | № 256

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

ZNAK OGHR.
FABRYKA SUKNA
JÓZEF FRÄNKEL
BIELSKO
DEKATYZOWANY

## JÓZEF FRÄNKEL, BIELSKO
### Fabryka sukna

עמפפעהלט דער געעהרטער קונדשאפט צום הערבסט און ווינטער=סעזאן דעם גרעסטען אויסוואהל פון איהרע פיינסטע אויס-
ארבייטונגען פון קאמגארן אין די שענסטע מוסטערן און פארבען, ווי-גוט מאדע= ווי גלאטע=ווארען
אין איהר אייגענעם פאבריקס=לאגער

## אין לאדז, פיעטריקאווער 27
פראנט 1 שטאק
טעל. 192-28

ווי אויך ביי איהרע ג' אפנעהמער. די ג' קונדשאפט ווערט געבעטען אכטונג צו געבען אויף אונזער
פאטענטירטע שוצמארקע, וואס איז א גאראנטיע פאר די פיינסטע בילציער סחורה.
אריגינאלע פאבריקס=פרייזען

## פעלץ=ווארען
עמפפעהלט אין א גרויסען אויסוואהל
די נייעסטע מאדעלען,
פון די ערשטע קוועלען אמעריקא
און קאנאדא צו די נידריגסטע פרייזען

## TYGER & GLATTER
פיעטריקאווער 43 און 29
טעל. 224-77 און 213-22

1932 X 1922

איבעראשענדע נייעס! א גרויסע פרעמיע פאר אלע עלעגאנטע הערען!
צוליב'ן 10=יאריגן יובל פון ערשטקל. הערן=שניידער=אטעליער פון

## א.ח. קוטשינסקי, 3 פאמארסקא 3
— לאדז —

האב איך בעשלאסען צו געבען א גרויסע פרעמיע פון זונטאג, דעם 6-טען נאוועמבער
ביז'ן 31-טען דעצעמבער 1932 פאר די יעניגע וואס וועלען זיך ביי מיר בעשטעלען:
אנ'אנצוג, א פאלטען, א פעלץ אדער א סמאקינג א.א.וו. מיט

## 25 פראצענט ביליגער

די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט לויט די נייעסטע אויסלענדישע מאדעלען. רעיעלע
בעהאנדלונג. פינקטליכע אויספיהרונג. מיט אכטונג
Mistrz krawiecki A. CH. KUCZYNSKI, Łódź, Pomorska 3.

23 אמבעסטען און אמביליגסטען 23
קויפט איהר איין צום בעפארשטעהענדען הערבסט און ווינטער=סעזאן
## די נייעסטע הערען= און דאמען-שטאפען
פון די בעסטע בילצער, טאמאשאווער און לעאנארד'ס סחורות
נאר אין דעם בעוואוסטען טוך= און קארט-געשעפט פון

## M. TAZBIR

לאנגיעהריגער מיטארבייטער פון דער געוועזענער פירמע ק. מילגראם
לאדז, פיעטריקאווער 23, טעל. 226-39, פראנט, 2-טער שטאק
וואו איהר בעקומט אלעס צו קאנקורענץ-רייזען.
הורט און דעטייל! רעיעלע בעהאנדלונג!
23 געדענקט די אדרעס! 23

## ס'געהן בעסערע צייטען
א נייע תקופה אין דער מלוכה=לאטעריע! פערשלעפט נישט
מיטן איינקויפן לאסן אין דער פאפולערער קאלעקטור פון מלוכה-לאטעריע

## S. PASSIERMAN
Piotrkowska 13, tel. 242-13.

די ציהונג פון דער 1. קלאס שוין דעם 17. נאוועמבער
הויפט=געווינס א מיליאן גלייך פון ראד.
צוצאהלונג צו סמאווקעס.
יעדער לאס קען געוואונען 5 מאל.
גערענקט, אז אונזערע לאסען ברענגען גליק!

בריליאנטען, גאלד,
זילבער און לאמבארד
קוויטען קויף איך און
צאהל די העכסטע פרייזען
בצוזץ שטעטס אויף לאגער
אלדער ארט ב' זשוטעריע און
גאלד-אויסארבעטונגען צו די
בילינסטע פרייזען מ. מיזעס
לאדז פיעטריקאווער 30

## Mieszkanie
6-pokojowe do wynajęcia, Wolborska 33 dobre dla lekarza, lecznicy, adwokata i na mieszkanie. — Wiad.: Weltfrajd, Kilińskiego 60. 6782

## נייעס! שיך נייעס!
צו וואס זאלט איהר זוכען ביליגע
צו ביליגע פרייזען, אז אין דער פירמע

## א. אגורעק, לאדז
ul. Zawadzka 11

בעקומט איהר טייערע שיך צו ביליגע פרייזען
געדענקט דעם אדרעס: A. OGóREK, ŁóDZ, ZAWADZKA 11

## שטאט=ראט=זאל, 16 פאמארסקא 16
שבת, דעם 5-טען ד.ח. 8 אווענד

## איינאייציקער אויפטריט
פון בעריהמטען ארטיסט און ליבלינג

## יוסף קאמען און דינה קעניג
אין קאמעדיע, דראמע און ליד.

אין פראגראם: דבוק, קידוש השם, גולם, טויבער, פרק, שלום-עליכם, ש. אש
משה נאדיר. 6877

ביעלעטען פון 49 גר. צו בעקומען שבת פון 6 אווענד ביי דער קאסע פון שטאט-ראט-זאל.

## האוניברסיטה העממית
ע"י ההסתדרות הציונית בלודז
מחר בשבת, 5.11 בשעה 7 בערב באולם
ההסתדרות הציונית, שרודמייסקא 29

## הרצאה
על הנושא: הנוער הציוני על פרשת דרכים
המרצה: העורך א. לובושיצקי

זונטאג, 6.11, 8.30 אווענד א פארלעזונג
א.ד.ט. „מצרים, ארץ-ישראל, בבל, פאר 4000 יאר
פרעלעגענט: ד"ר ל. זילבערשטראם. 6771

## ווירכטיג נייעס פאר מחותנים!
אויב איהר האלט ביי חתונה מאכען אייערע קינדער. אזוי געהט
נישט דינגען פריהער קיין זאל ביז איהר וועט נישט קומען צו-
ערשט זעהען דעם פריש ערשטקלאסיגען רעמאנטירטען

## ווארשאווער זאל, פאלודניאווא 36
וועלכער איז געווארען איינגעארדענט ספעציעל אויף חתונות און
חינוך'ס און אויף פערשידענע פערוויילונגען אדער אויף פארציעס-
חתונות אויף די בעסטע בעדינגונגען צו די צוגענגליכסטע פרייזן.
צו אינפארמירן זיך טעגליך פון 7 פרי—10 אוונד אין ווארש. זאל פאלודניאווא 36

## אכטונג בעקער=מייסטער אין לאדז!
שבת, דעם 5-טען ליסטאפאד ד. י. 7 א זייגער אוונד קומט פאר
אין אייגענעם לאקאל פילסודסקיענא 57

א דרינגענדע
## אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג
צוליב דער וויכטיגקייט פון טאג-ארדנונג בעטען מיר אלע בעקער-
מייסטער אין לאדז פינקטליך צו קומען צו דער פערזאמלונג.
קיין איין בעקער-מייסטער זאל נישט פעהלען.
די פערוואלטונג פון בעקער-צעך אין לאדז
6 787

## אויגען=קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
## Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפע-
ראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9—1
און פון 4 ביז 7.30 אווענד. 1604

## אומזיסטע רייזעס קיין ארץ-ישראל.
יעדער איינער, וועלכער קויפט ארץ-ישראל'דיגע פראדוקטען פון
50 גראשען אן, קאן געווינען א אומזיסטע רייזע קיין ארץ-ישראל

## פון לאדז ביז תל=אביב פולשטענדיג אומזאנסט.
קומט און איבערציגט אייך!
אין „תוצרת ארץ=ישראל" (ארץ-ישראל-געשעפט), שרודמיעסקא 1.
6721

# זיץ=בענקעלע



פון א לאדזער פאבריקאנט

## דער הילוק

— הער נאר, משה, דו ביזט דאך עפעס אַן'אַל־מער מבין, זאג מיר, וואס איז דער חילוק צווישן אַ צ'אייגען ווייב און יענעמס ווייב?...

— ביזט אַ גרויסער שוטה, יענקעל, כ'זאג דיר, אַז ס'איז גאר קיין חילוק נישט...

א גאַש־בראַט.

## פארוואס היטלער בילט ?

— זאָג מיר, אפשר ווייסטו, וואס דער היטלער בילט כסדר אויף יודען ?

— מסתמא דארף ער אַ פאָזשיטשקע!...

## וואו ס'איז ביליגער
### אויפ'ן לאדזער וואקזאל

יוד (ביים בילעטן־פענסטערל אויפ'ן לאָדזער וואָקזאַל) : כ'בעט אַ בילעט קיין טאָמאַשאָוו.

קאַסיר: קיין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוו עצקי אָדער טאָמאַשאָוו לובעלסקי ?

יוד: וואו איז דען ביליגער?

## פארפאלען
### פון דער ציימונגס=כראניק

אויף באַוואָמיעיסקא גאס איז געטטען אוועקגעפאַלען אַ יונגער מענש אין חלשות. דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר פון דער פאָגאָטאָוויע האָט פעסט געשטעלט, אַז ער איז געפאַלען אין חלשות פון איבעראַרבייטען זיך.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט איז דער פערחלשטער געווען אַ געוויסער מיעטשיסלאַוו האָטשינסקי, פון פאַך — אַ קאָמאָרניק.

# טעאטער=פליאטקעס
## אונטערגעהערטער געשפרעך 1 ביינאכט אין „אסטאריא"

אין לאָדז, ווי באַקאַנט, שפּילען איצט דריי יודישע טרופּעס: די ווילנער טרופּע אין קאַמעראַל־טעאַטער, פעניגשטיין אין „פילהאַרמאָניע" און די „יודישע באַנדע" אין סקאַלאַ־טעאַטער.

אין „אַסטאָריע" טרעפען זיך צוזאַמען פעניגשטיין מיט'ן דירעקטאָר פון די „ווילנער" —

— חבר אַס, וויפיל איז ביי אייך היינט געווען קאַסע? — האָט געפרעגט פעניגשטיין.

— 1.200 זל.

— 1.200 זל.? דאָס איז גאָר נישט קשה — כמעט אַזוי פיל ווי ביי אונז! — האָט פעניגשטיין געענטפערט.

— וויפיל איז דען ביי אייך געווען ערגער־

— 1.340 זל.!

געווען ?

פעניגשטיין האָט זיך אַ קראַץ־געטון אין דער פאה און געזאָגט:

— צום טייוועל! כ'האָב געדאַרפט ... פרעגן דעם ערשטען!...

# לאדזער גרעזערס
## אזא מין לאדזער טשאך־פראפעסיע

אויף פּעטריקאָווער גאַס טרעפען זיך צוזאַמען צוויי פּשיאַטשעלעס: לאָמיר זאָגען: אַלטמאַן מיט'ן דירעקטאָר רעדלער.

— וואָס הערט מען עפעס, פּאַניע אַלטמאַן!? — פרעגט דער דירעקטאָר רעדלער.

— נישט צו פערזינדיגען, ביים היינטיגען קריזיס מאַך איך אויך אַ לעבען.

— וואָס ר'עדט איהר... ווי אַזוי ?

— גאָר פשוט: כ'האָב היינטיגע וואָך פערמעקעלט אַ וואַגאָן הויזען קיין לאָנדאָן, האָב איך געכאַפּט מיינע טויזענד פונטלעך.

— אַזוי? זעהר שיין, און וואָסער'ע געשעפטען מאַכט איהר נאָך ?

— איצט אַז ס'וועט זיך מיר איינגעבען אַ געשעפטעל מיט'ן פירשט ראַדזיוויל, וועל איך אויך מאַכען אַ צעהן טויזענד זלאָטעלעך.

— אויסגעצייכענט! אָבער איהר ווייסט פּאַניע אַלטמאַן, אַז מיר קומט ביי אייך פּראָוויזיע?

— אייך פון מיר פּראָוויזיע?

— יאָ פון אייך.

— פאַרוואָס ?

— וואָס הייסט וואָס? האָט דער דירעקטאָר רעדלער געענטפערט. ווען איך וואָלט אייך נישט געפרעגט, וואָס ס'הערט זיך, וואָלט איהר דאָך פערדינט מכות, נישט קיין טויזענדער פונטען!...

# 7 ראדיא=לאזונגען
### צוגעשיקט פון „קונדס" צום ראַדיאָ־קאנקורס

די ראַדיאָ־צענטראַלע אין וואַרשאָ האָט פערעפענטליכט אַ קאָנקורס אויף די בעסטע ראַדיאָ־לאָזונג.

דער „קונדס" האָט צום קאָנקורס צוגעשיקט פאָלגענדע לאָזונגען :

„ווער ס'האָט אַ ראַדיאָ און אויף קעסט אַבאָנירט דעם, האָט אין דער שטוב צוויי שידים".

„ווער ס'האָט אַ שוויגער און אַ ראַדיאָ פערווערשי סאָרט, קען נישט קומען צום וואָרט".

„פון „פּאַט" אַ קאָמוניקאַט ווערט מען מיד און מאַט".

„האָסטו אויפ'ן דאַך אַן אַנטענע, דאַרף דיין ווייב נישט קיין צאנה וראנה".

„זאָל הערען אַ ראַדיאָ־אָפּעראַטע — די טויבע מוהמע בעטע".

„ראַדיאָ איז אַ שרעקליכע מאַשינקע! — שוין בעסער ...אַ קאַטערינקע!

# דקדוק

— קוק זיך נאָר איין ווי גרויס דער כח פון דקדוק איז — האָט געזאָגט אַ נער הארץ צו זיין חבר — „שמע" בעדייט, הער זיך איין, „שמעני", בעדייט הער זיך צו צו מיר און „ישמעאל" איז אַ גוי אין אַ רויטע יאַרמולקע...

# א בעוויז

עס זענען געזעסען חקרנים און געקלערט, אויב ביי אַ קאַליקע אויף אַן'אויג, אָדער אויף אַן'אויער, צי דער צווייטער אויער אָדער דאָס צווייטע אויג, הערט און זעהען דער פאַר בעסער?

— אַוודאי — האָט זיך איינער אָנגערופען, — והא ראיה, אַז איינער האָט איין פוס אַ קורצע איז דערפאַר די אַנדערע אַ לענגערע...

# ווייבער שמועסן

— זי ווייסט, פרוי מוטלעראָווע, דער שכן פון דריטען שטאָק קומט אַזוי זעלטען אַהיים, אַז ער איז אַמאָל אַוועקגעגאַנגען פון דער היים, איז דאָס ווייב געווען מעוברת מיט'ן ערשטען קינד, און אַז ער איז צוריקגעקומען — האָט זי שוין געהאַט דריי...

# א ווייב א קינסטלערין

מאַן: וואָס לייענסטו עס אַזוי אין דער צייטונג?

ווייב: וועגען קונסט.

מאַן: וועגען וואָסאַרע קונסט?

ווייב : וועגען קונסט־זייד.

# א לאדזער מלחמה=גביר
## און זיין ווייב די גביר'טע

ווייב (צום מאַן) וואָס האָסטו עפּעס אַזויפיל הויזען־קנעפּלעך אין דער קעשענע?

גביר: דו ווייסט דאָך, אַז יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זענען אין לאָדז אָפּצייכען־טעג!...

---

# דער קונדס

● הומאר ● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאַט נומער 256 — פרייטאג, דעם 4 נאוועמבער 1932

## דער ארימער הויזווירט, נעבער!...



ווירט (צום לאקאטאר): קיין עקסמיסיע קען איך טאקע אויף אייך אים ווינטער נישט בעקומען — איך קען אבער פערקויפען אייער „מעבעל"!...




אויבען רעכטס: צום 15־טען יאָהרטאָג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אויבען לינקס: לענין. רעכטס — אַ בילד פון אויפשטאַנד אין מאָסקווע. אינדערמיט — סטאַלין. אונטען לינקס — די באָלשעוויקעס בעזעצען דעם סמאָלני אינסטיטוט אין פעטראָגראַד. רעכטס — טראָצקי.



אינגע־זייט רעכטס: צום 300־טען יאָהרצייט פון שוועדישען קעניג גוסטאַוו אַדאָלף. אונטען רעכטס: דער קעניג אין דער שלאַכט ביי ליצען (רעכטס, רייטענדיג אָהן העלם) וואו ער איז אומגעקומען.





די פראַנצויזישע שיף „נאָרמאַנדי״ די גרעסטע שיף אויף דער וועלט, איז נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט געוואָרען אין וואַסער.










אויבען לינקס: דעמאָנסטראַציעס פון 100 טויזענד אַרבייטסלאָזע אין לאָנדאָנער הייד־פּאַרק

אינדערמיט: נייע גרויסע בריק איבער'ן טייך עלבע ווערט איצט פאַרענדיגט.

אינגע־זייט לינקס: סער וואַלטער לעיטאָן, פאָרטרעטער פון ענגלאַנד ביים צוגרייטען די וועלט־ווירטשאַפט־קאָנפערענץ האָט דימיסיאָנירט

אונטען לינקס: אַן אַטענטאַט אויף אַ יאַפּאַנישען מיליטער־צוג אין מאַנדזשוריען.

אונטען אינדערמיט: פראַנקלין רוזוועלט, קאַנדידאַט פון די דעמאָקראַטען ביי די פּרעזידענטען־וואַהלען אין אַמעריקע.











אויבן: ווען קעניג קאראל פון רומעניען זיך איבערבעטן מיט זיין פרוי? רעכטס — קעניג קאראל. לינקס — די קעניגין העלענע מיטן קרוינפרינץ מיכאל.



אויבן רעכטס: בילדער פון צוקונפטיגער וועלט־אויס שטעלונג אין טשיקאגא. אויבן — אן אויטאבוס וואס ארומפיהרען די בעזוכער איבער דער אויסשטעלונג. אונטען — ים־פאוויליאן אויף דער אויסשטעלונג.

אינדערזייט רעכטס: אויף דער ארט, אין האטערוא (מיטן־פראנקרייך) איז געווען געוואָרען דער ערשטער סיגנאל אפצושטעלען דאס פייער אין וועלט־קריג, דעם 7־טען נאוועמבער 1918.

אונטען רעכטס: איוואר קרייגערס ברודער טארסטען ווערט פערהערט אלס בעשולדיגטער אין די קרעגער־אפערעס.





אויבען לינקס: דער גרעסטער דייטשער אעראפלאן „די 2500" איז געזעצן קיל אריין אין א זומפ.

איבערמיט: מאסקע און האנד־אפדרוק פון געטהען אויף דער געטהע־אויסשטעלונג אין פאריז.

אינדערזייט לינקס: פראפ. טשארלז שערינגטאן פון דער אקספארדער אוניווערזיטעט (ענגלאנד) האט בעקומען דעם נאבעל־פרייז פאר מעדיצין פארן י. 1932

אונטען אינדערמיט: דער עלטסטער דייטש פרידריך סאדוואסקי האט געפייערט זיין 107. געבורטסטאג.









„די בריפלעזערין", א בילד פון גרויסען האלענדישען מאלער ווערמער, וואן דעלפט, וועלכער איז געהורט געוואָרען מיט 300 יאהר צוריק.





אונטען לינקס: אנושעליקא קאופמאן, די בעריהמטע דייטשע מאלערין צו איהר 125־טען יאהרצייט.

דער וועלט - בעריהמטער „גאלדענער זאל" אין אויגסבורג דראהט איינצופאלען.

